# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ______________________

טעלפון ______________________

שטאט ______________________

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעוועטע מעשה (4) - מבעל תפילה

**א. וואס האט דער בעל תפלה געזאגט פאר די שרים (עלצטע) ווען זיי האבן אים געכאפט**
- ☐ אז געלד איז נישט דער תכלית
- ☐ אז גבורה איז דער תכלית
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט אאויף דעם וואס זיי פארלאזן זיך אויף די מדינה וואס אלע זענען גאטין (לויט זייער שיטה)?**
- ☐ אז אפשר וועלן זיי ענק העלפן
- ☐ אז זיי וועלן ענק גאר נישט קענען העלפן
- ☐ אז דער גבור וועט ענק העלפן

**ג. וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט וועגן דעם גבור?**
- ☐ אז ער איז געווען ביי א קעניג איז ביי אים פארלוירן געווארן א גבור און אויב דאס איז דער גבור קען איך מיך מיט אים
- ☐ אז ער איז זייער שטארק און מ'דארף מורא האבן פון אים
- ☐ אז ער איז בכלל נישט קיין גבור

**ד. וואס נאך האט זיי דער בעל תפלה געזאגט וועגן די מדינה וואס דארטן זענען אלע גאטין (לויט זייער שיטה?**
- ☐ אז זיי זענען בכלל נישט שטארק
- ☐ אז אויב ענק וועלן זיך פארלאזן אויף זיי וועט דאס זיין ענקער מפלה
- ☐ אז אויב ענק וועלן זיך פארלאזן אויף זיי וועלן ענק מצליח זיין

**ה. פון וואו האט דער בעל תפלה געוואוסט דער ענטפער?**
- ☐ וויל ער איז געווען א נביא
- ☐ ווייל ער איז געווען פארזיכערט אין דעם
- ☐ ווייל דאס אלעס איז געווען אויסגעקריצט אויף די יד וואס איז געווען ביים קעניג

**ו. אויף די יד פון קעניג איז געווען געשריבן די וועגן פון איין מדינה צו די אנדערע?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ נאר ברמז

**ז. אויף די יד פון קעניג איז געווען געשריבן די וועגן פון דער ערד צו די הימל?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ נאר ברמז

**ח. אלי' משה און חנוך זענען ארויף אין הימל אויף די זעלבע וועג אדער יעדער דורך א אנדערע וועג?**
- ☐ יעדער אויף א אנדערע וועג און אין די יד איז געשטאנען אלע וועגן
- ☐ אלע אוף די זעלבע וועג און אין די יד איז געשטאנען די וועג
- ☐ יעדער אויף א אנדערע וועג און אין די יד איז נישט געשטאנען די וועגן

**ט. וואס איז געשטאנען אויפ'ן יד**
- ☐ וואס עס איז געווען און וואס ס'איז יעצט
- ☐ וואס עס איז געווען און וואס ס'איז יעצט און וואס ס'וועט זיין
- ☐ וואס עס איז געווען

**י. וואס איז געשטאנען אין די יד וועגן די מדינה וואס זיי זאגן אז אלע דארטן זענען גאטין**
- ☐ אז יענע מדינה וועט האבן א מפלה
- ☐ אז די מענטשן וואס וועלן קומען צו זיי נאך הילף וועלן האבן א מפלה
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. האבן זיי געגלייבט דעם בעל תפלה? - און פארוואס?**
- ☐ זיי האבן פארשטאנען אז ס'איז אמת ווייל מ'קען זיך אזאנס נישט אויס טראכטן
- ☐ זיי האבן בכלל נישט געגלייבט ווייל ער רעדט קעגן זייער אמונה
- ☐ זיי האבן בכלל נישט צוגעהערט וואס ער האט געענטפערט

**יב. וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן אים געפרעגט וואו איז דער קעניג אפשר קען מען ביי אים באקומען געלד?**
- ☐ פון געלד שמועסט גארנישט
- ☐ אז ס'איז שווער אנצוקומען צו אים
- ☐ אז געלד איז נישט דער תכלית

**יג. וואס איז געווען די עצה פון בעל תפלה ווען מ'האט זיך גע'עצה'ט מיט ווענמען צו חתונה מאכן די בת יחידה פונעם קעניג??**
- ☐ מיט דעם חכם פונעם קעניג
- ☐ מיט דעם אוהב נאמן פונעם קעניג
- ☐ מיט דעם גבור פונעם קעניג

**יד. וועלכע מין האר האט געהאט די טאכטער פון בת מלכה?**
- ☐ פון גאלד
- ☐ אלע קאלירן
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. ווער נאך איז געווען ביים קעניג?**
- ☐ א מליץ (וואס האט געקענט שיין רעדן)
- ☐ א חכם
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוייל ארויס פון די מעשה?**
- ☐ אז דער גאנצער תכלית אויף דער וועלט איז ______________________.
- ☐ נישט צו רעדן פון געלד
- ☐ ______________________.

## מיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.